**Barnett Zumoff**

# MAME-LOSHN אב

## Two Poems by Perets Markish

**The Unexpected Direction**

How could I pay attention to the platform sign
that pointed out the train’s dizzying direction,
when a blue ribbon in blonde hair held my gaze
so I couldn’t go anywhere?

A blue ribbon around a bundle of blonde hair —
it dove and whirled above the passengers’ heads.
The direction I should go was now clear to me —
there was no other, and that one would not
lead me astray.

As surely as the morning comes, she was destined
for me,
on the platform, unexpectedly right there.
And I glimpsed a flash of tanned bare legs
in the blonde hair and the dizzyingly blue flutter.

**Di Umgerikhte Rikhtung**

Hob ikh bamerkn den gekont afn peron di hant
vos vayzt fun tsug di shvindldike rikhtung,
un fun a blondn kop a bloye band
hot mir farshlayft — inergets zikh keyn rir ton?

A bloyer band arum a stoygl blonde hor--
s’hot zikh getukt, geshvindlt iber kep fun pasazhirn;
a velkhe rikhtung ikh badarf iz mir shoyn klor--
keyn andere iz nit faran un vet in ergets nit farfirn.

Vi der frimorgn iz zi mir bashert, gevis.
Afn peron, an umgerikhte akurat do.
Un kh’hob derzen dem glants fun broyne opgedekte fis
in blondn kop un inem shvindlidikn bloyen flater.

די אומגעריכטע ריכטונג

האָב איך באַמערקן דען געקאָנט אויפֿן פּעראָן די האַנט
וואָס ווײַזט פֿון צוג די שווינדלדיקע ריכטונג,
און פֿון אַ בלאָנדן קאָפּ אַ בלויע באַנד
האָט מיר פֿאַרשלײַפֿט -- אין ערגעץ זיך קיין ריר טאָן?

אַ בלויער באַנד אַרום אַ סטויגל בלאָנדע האָר --
ס'האָט זיך געטוקט, געשווינדלט איבער קעפּ פֿון פּאַסאַזשירן;
אַ וועלכע ריכטונג איך באַדאַרף איז מיר שוין קלאָר --
קיין אַנדערע איז ניט פֿאַראַן און וועט אין ערגעץ ניט פֿאַרפֿירן.

ווי דער פֿרימאָרגן איז זי מיר באַשערט, געוויס.
אויפֿן פּעראָן, אַן אומגעריכטע אַקוראַט דאָ.
און כ'האָב דערזען דעם גלאַנץ פֿון ברוינע אָפּגעדעקטע פֿיס
אין בלאָנדן קאָפּ און אינעם שווינדלידיקן פֿלאַטער.





**Viderkol**

Do zaynen zumers mayne durkhgegan amol,
vi in volkns geyen durkh farshvindndike bushlen.
Mir dukht: ikh her do zeyer kol,
tsi inem vint, tsi inem khvalyedikn tsushlog.

A fayf gebn tsu zey farshayt, vi yungerheyt?
Ot flit mit pliesk tsu zey a hilkhiker a-u-u shoyn.
Farshvundene. Oykh ot a der o zumer iz in rey,
shoyn greyt tsum opfli, vi a bushl.

Tsi funem royshndikn yam, tsi fun di  shvaygndike berg,
tsi af dem pliesknndikn klang fun mayne dlonyes,
a viderkol a zibnfakhik zikh derhert.
S'iz mayns. S'iz nit farloyrn. Ikh derken es.

Derkenen vet es yederer. Se mert zikh on a tsol,
vi vaserkrayzn fun a shteyn fun vint in tsushlog.
Do zaynen mayne zumers shoyn adurkhgegan amol,
vi in di volkns geyen durkh farshvindndike bushlen.

**Echo**

Here my summers passed by long ago,
like storks disappearing into the clouds.
It seems to me I hear their voices here,
in the wind or in the slapping surf.

Should I whistle frivolously to them, as in my youth?
There -- a resounding hoo-oo now flies toward them.
They're gone. This summer, too, is already
    waiting in line
to fly away, like a stork.

Whether from the noisy ocean or the silent mountains,
or from the sound of my hands clapping,
a sevenfold echo can be heard.
It's mine. It's not lost. I recognize it.

Anyone would recognize it. It multiplies unendingly,
like ripples from a stone, from wind and surf.
Here my summers passed by long ago,
like storks disappearing into the clouds.

ווידערקול

דאָ זײַנען זומערס מײַנע דורכגעגאַן אַמאָל,
ווי אין וואָלקנס גייען דורך פֿאַרשווינדנדיקע בושלען.
מיר דוכט: איך הער דאָ זייער קול,
צי אינעם ווינט, צי אינעם כוואַליעדיקן צושלאָג.

אַ פֿײַף געבן צו זיי פֿאַרשײַט, ווי יונגערהייט?
אָט פֿליט מיט פּליעסק צו זיי אַ הילכיקער אַ-או-או שוין.
פֿאַרשוווּנדענע. אויך אָט אַ דער אָ זומער איז אין ריי,
שוין גרייט צום אָפּפֿלי, ווי אַ בושל.

צי פֿונעם רוישנדיקן ים, צי פֿון די שווײַגנדיקע בערג,
צי אויף דעם פּליעסקנדיקן קלאַנג פֿון מײַנע דלאָניעס,
אַ ווידערקול אַ זיבנפֿאַכיק זיך דערהערט.
ס'איז מײַנס. ס'איז ניט פֿאַרלוירן. איך דערקען עס.

דערקענען וועט עס יעדערער. סע מערט זיך אָן אַ צאָל,
ווי וואַסערקרײַזן פֿון אַ שטיין פֿון ווינט אין צושלאָג.
דאָ זײַנען מײַנע זומערס שוין אַדורכגעגאַן אַ מאָל,
ווי אין די וואָלקנס גייען דורך פֿאַרשווינדנדיקע בושלען.

---

**Perets Markish** (1895-1952), a writer of poems, plays and novels, was a member of the Kiev group of modernist Yiddish poets in the 1920s. He lived also in Berlin, Paris, London, Warsaw and Rome. A winner of the Stalin Prize, Markish became a member of the Jewish Anti-Fascist Committee and was one of the prominent victims of the Night of the Murdered Poets, August 12th, 1952. Just before his arrest in Moscow in 1949, Markish asked a visiting friend to take with him some papers wrapped in a potato sack. Among these manuscripts were a novel about the Warsaw Ghetto and a long epic poem about World War II. A museum devoted to his career was founded in 1998 in Polonnoye.